ישראל שטערן

# א בעטלער אין גאס

ווי מיט געהיימען כתב פון א פערשווערער-באנדע
איז זיין פנים פערשריבען מיט פאסמעס האר.
פון זיין אויג פאלען פייכטקייטען ווי אייביגער רעגען.
איבער זיין לייב איז געגאנגען א יאהר נאך א יאהר
מיט הילכיגע צייהן פון געשטשערבעטע וועגען.
אין די פינסטערע ווינקלען פון צעריסענעם פנים
הענגען קייקעלעך בלוט פערגליווערטע, הארטע,
און שווארצליכער רויטקייט ווי פערלעגערט-פערהארטע קארשען.
זיין ברודיגע באָרד איז ברייט זיך צעלאפען
איבער די שטילע וועגען פון זיין ברוסט,
גלייך זי וואלט אויף דער עלטער געזוכט זיך א היים...
נאר גריבערדיג, נראה איז זיין בוזים ווי ליהם,
איז זיין בוזים דער אייזינער ברעג, ווייל אין איהם
שלאפען עראינערונגס-טייכען געפרוירען...
דורך צעשפאלטענע בגדים קומען שטראהלען אויף די גאסען: —
דער גוף פון א בעטלער רייסט פון זיך פאסען,
ווארפט פליישיגע פאסען ארײַן אין דעם טאג.
פערשעהמט זיך דער טאג, און בעהאלט זיך, אנטלויפט
הינטער בערג הויכקעפיגע זיבען מאל זיבען.
איז שטארט איינע אליין מיט'ן טונקעל געבליבען
און מיט שאטענס אין חארין געווארט אויף א שטערען.
דערווייל דראהט דער הימעל די הייזער, די סקווערען
און איז: פייער, נאסרעם: בלוט, און ביים סוף — גראהע טרעהר
האט דער טונקעל די הימלען שטילערהייד אבגעשרויפט,
אט-אט זיי פאלען — — נאר זיי האבען בעצייטענס
זיך אנגעכאפט קראמפיג אן די דערשראקענע קעפ
פון וואקסענדע טורעמס. און אזוי שטעהען זיי, שטיצען
זייערע גופים די בלאהע אויף שטיינערנע שפיצען,
פונקט ווי אין גאס דא האלט דער בעטלער געקלעמט
אונטער די ארעמס לאנגע קוליעס און לעהנט
זיין חרוב'ען קערפער-שווער, שווער.
פיהלט דער בעטלער: ווי א שווארץ ווייט פעלד צעוואקסט זיך די נאכט,
און נעבען איהר וואקסט א דאמע און א יונגעלע לאכט.
דורך א רייף שפרינגט דאס יאטעל צעזונגען און שטיפט,
נאר ביים ראנג א לאמטער ווארפט א גרויס'געלע טרעהר
אויף א הוט ווי א זיפ, אויף א קשאקיג-געזיכט.
גליווערט די רייף ביי דעם יאטעל וואס שטיפט.
ער גאפט, זעהט אויג אין צעשניטען און טריפט,
דאס צווייטע מיט כעס אויסגעפראלט. און עס ברענט,
און חי אפענע גריבער א פאר בעטעלדע הענד.
די דאמע שפרייזט לייכט פערגארטעלט מיט פרייד,
זי האט ליכט אין די ברעמען און געזאנג פון דער שטאדט.
נאר פער'סודות'ט כאפט אן איהר דאס קינד ביי דעם קלייד:
מאמע, צי דערזעה... דער אלטער אין גאס ?

# אַ בעטלער אין גאַס

הײַנט (וואַרשע, 1908–1939)

27, נומ' 236, אָקטאָבער 19, 1934, ז' 6